טאבעלע פון דער מלוכה-לאטעריע זעה 14-טע זייט

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT — פרייז 30 גראשען — היינט 24 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 61 | Łódź, Piątek 11 marca 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, פרייטאג, ג' אדר ב' תרצ"ב | № 61

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

**RETTENUSTHLWARE**

**פאר וועש און רעפארמען**

אין פערשידענע מוסטערן, עמפפעהלען מיר
צו קאנקורענץ-פרייזען, אויך אויף לוין

**נעץ-וואארע (SIATKA)**

אין פערשידענע מוסטערן ווערט אנגענומען
אויף לוין צו ביליגע פרייזען

**Akt. Ges. R. Lipszyc**

ŁÓDŹ,
Piramowicza 11/13 tel. 101-34

**קויפט נישט פריהער קיין סחורה**

ביז איהר וועט זיך נישט איבערצייגן, אז די ביליגסטע קוועלע פון די נייעסטע

**הערען- און דאמען-שטאפען**

פון די נייעסטע פארבען און מוסטערן צום איצטיגען פריהלינג און זומער-
סעזאן פון די בעסטע ביליצער און טאמאשאווער אויסארבייטונגען
צו די ביליגסטע פאבריקס-פרייזען איז נור ביי דער גוט-בעקאנטער און רעעלער פירמע

**M. i Sz. Rabinzon**

ŁODŹ, PIOTRKOWSKA 45, tel. 120-41.

הורט און דעטייל! — רעעלע און סאלידע בעהאנדלונג! — הורט און דעטייל!

**Samochody**
i motocykle używane
Kupno, sprzedaż, komis
zamiana.
Auto-Agencja
Gdańska 82 tel. 189-28

גיבט אכטונג אויף דער פאבריקס-מארקע מיט דער צוגאבע פון נאמען!

**ווארנונג!**

שוין ווייט 50 יאהר פאבריצירט מיין פירמע

**Łódzka Manufaktura Pluszowa**

**Teodor Finster**

בעט-פלוש-קאפעס פערזעהען מיט דער שוץ-מארקע דריי-עק מיט די אותיות
Ł M P און צוגעגעבען דעם נאמען

TEODOR FINSTER

די אויסארבייטונגען, וואס זענען בעקאנט אין גאנצען לאנד מיט זייער גוטס-
קייט און אויספרובירטע קוואליטעט שמ'צן מיט זייער אלגעמיינער אנערקענונג און
האבען זייער פעסטגעשטעלטע רענאמע צווישען די אפנעהמער.

די לעצטע צייטען בעמיהט זיך די קאנקורענץ נאכצומאכען די דאזיגע, בענו-
צענדיג דערביי מיין שוץ-מארקע, ווי צום ביישפיל דעם דריי-עק, אויינשטעלענדיג
אנשטאט די אותיות **Ł M P** און דעם נאמען **TEODOR FINSTER** – אנדערע
ענליכע אותיות אהן א נאמען. דאס איז א געוועהנליכער מאנעוור ארייצופיהרען
די אפנעהמער אין טעות און א חשק אונטערצורוקען די קויפער מינדערווערטיגע נאכ-
מאכונגען אנשטאט די בעקאנטע און אויספרובירטע סיי אין סארט און סיי אין דער
קוואליטעט פון די קאפעס פון דער פירמע

**ŁODZKA MANUFAKTURA PLUSZOWA**

**TEODOR FINSTER**

די איצטיגע צייטען זענען שווער, או מ'זאל אויסגעבען געלד אויף מינדער-
ווערטיגע פאלס פיקאטען. די פולע גאראנטיע סיי אין דער קוואליטעט און גוטסקייט
גיבען נור די קאפעס פון דער פירמע

**Łódzka Manufaktura Pluszowa TEODOR FINSTER**

**ווארנונג:** די קאפעס פון מיין פירמע זענען צו בעקומען ביי די הורט-סוחרים:
w Łodzi — WOLF PAKUŁA, ul. Południowa 2
i J. ROTENBERG, ul. Nowomiejska 1
w Warszawie — A. A. LITMANOWICZ, ul. Gęsia 5

גיבט אכטונג אויף דער פאבריקס-מארקע מיט דעם נאמען!

זונטאג,
דעם 13-טען מערץ
— אין —
פילהארמאניע
•
פרטים — זעה 3 זייט

דזשעק
רעכטצייט

**דאס נייע-ערעפענטע**

**טוך- און קארט-געשעפט**

**אויף פעטריקאווער 23, פראנט, 2. שט.** טעל. 226-39

מאכט בעקאנט, אז צום איצטיגען פריהלינג- און זומער-סעזאן עמפפעהלט דעם
רייכסטען אויסוואהל פון די מאדערנסטע **דאמען- און הערען-שטאפען**
פון די בעסטע ביליצער, טאמאשאווער און לעאנארדט'ס סחורות

**צו קאנקורענץ-פרייזען.**

בעזוכט אונז און איהר וועט זיך איבערצייגען!

**M. TAZBIR** מיט אכטונג

לאנגיעהריגער מיטארבייטער פון ק. מילגראם

**לאדז, פעטריקאווער 23**
פראנט, 2-טער שטאק.

**הורט און דעטייל**

**8-טונג מעבעל-מאגאזין-שניידער-מייסטער** (פארלעך, מארינארקעס און סאקעס)

מארגן, שבת, ד. 12. מערץ, 3 א זייגער נאכמיטאג קומט פאר א גרויסע

**פאר-פערזאמלונג** אויף וועלכער ס'וועט בעהאנדעלט ווערען א גאנצע
רייה פאך-פראגען, אין דער זעלבער צייט וועט אויך
פארקומען א ספעציעלע פערזאמלונג, צו וועלכער מיר רופען אלע עקספארט-שניידער

מאגאזין-שניידער-מייסטער-פעראיין, פילסודסקיעגא 12.

1644

**לעהרערס**

מיט רעגירונגס - רעכט,
18 יאהר פראקטיק, ער-
טיילען פויליש, יודיש,
פראנצויזיש, עספעראנטא,
דייטש, בוכהאלטעריע און
מאטעמאטיק.

**שוו. יאקובא 12**
רעכטע אפיצינע, 1-טער
שטאק וו. 30. **שיף**

**RODZINIE PARZENCZEWSKICH**

z powodu zgonu

**Ich b. p. MATKI**

wyrażają tą drogą najgłębsze współczucie

Rodzina **Hochberg**, Jakubostwo **Potok**
**Rózia Lewkowiczówna**, **Leon Firzer**

1605

„ארט" געז. צו פערשפרייטן מלאכה און ערד-ארבייט צווישן יודן „ארט" איז לאדזש „ארט"

דינסטאג, דעם 22. מערץ ד. י. אין די זאלען פון „אזא" נאַרוטאָוויטשאַ 20

# גראנדיעזער פורים-באל

אימפאזאנטע פורים-אטראקציעס || גלענצענדער באל און דזשאַז-ארקעסטער

רייכע פאנטן-לאטעריע / באר און בופעט. — בילעטן צו 5 און 3 זל.

1608

## טוך- און קארט-געשעפט

# HERMAN WŁOSKI

לאדז, נאוואמיעסקאַ 3, טעל. 114-92, פראנט 2-טער שטאָק

עמפפעהלט צום איצטיגן פרילינג און זומער-סעזאָן דעם רייכסטן אַסאָרטימענט פון די נייעסטע

## דאמען- און הערען-שטאָפען

ווי: לאדזער, טאמאשאווער, ביליצער און אויסלענדישע אויסאַרבייטונגען

בעסטע קוואַליטעט! בייעסטע מאָדע! פאַבריקס-פרייזן! הורט און דעטייל!

## בעקאנטמאכונג!

די עקספעדיציאָנס-פירמע

# סאלאמאן בירז,

פעטריקאָווער 44, טעל. 101-86

נעמט אָן קליינע זענדונגען מיט נאָכנאַהמען און אָהנע, וועלכע ווערען עקספעדירט טעגליך בּאַגאַזש פון לאדז—ווילנא צו מיין פערטרעטער

ווילענצוג, ווילנא, רודניצקא 25

1004

אויף גינסטיגע בעדינגונגען. ▲▲▲ פינקטליכע צושטעלונג צו הויזע.

אינפאָרמאַציעס ווערען ערטיילט אומזיסט.

טיף געבויגען שטעהען מיר פאר דעם פרישען קבר פון אונזער טייערען און אונפערגעסליכען שוואָגער

## יעקב וואלף לעווקאוויטש נ"ע

גלייכצייטיג שיקען מיר אַ טרייסט אין ווייטערדיגען לעבען אונזער שוועגערין און טאָכטער.

פאמיליע גארבארסקי, קוטשינסקי, קנאפ, לובינסקי

1607

## ערטער גוטען און כשר'ן

# ווין

צו די ביליגסטע פרייזען

## צו 75 און 65 גראשען פאר א 1/4 ליטער

צו בעקומען ביי דער לאַנגיעהריגער בעוואוסטער פירמע

# „בארווין"

אינה.: מענדיל בארנשטיין, לאדז

נאוואמיעסקא 30, טעל. 210-58

## ריכער

אויף דער מאַשין ווערען אויסגעגייט

שרודמיעסקא 8.

## רעשטען

לאדז, נאוואמיעסקא 5

פראנט, 2-טער שטאק

פערשידענע קאמגארנס, ביליצער, טאמאשאווער און לאדזשער

אויף אנציגער און פאלטענס

מיט 30% ביליגער

קומט און איבערצייגט אייך, ביי

SZCZĘSLIWY

נאוואמיעסקא 5, פראנט, II שטאָק

## וויכטיג פאר כלות!

אין מיין ניי-ערעפענט געשעפט בעקומט מען אויף אבנויץ די שעהנסטע

# חופה-קליידער

פאר כלות, ווי אויך די שעהנסטע באלאווע קליידער צו די ביליגסטע פרייזען.

פיעטריקאווער 294,

רעכטע אפיצינע, 3-טער שטאַק.

קומט און איבערצייגט אייך! 873

דעם טיפסטן מיטגעפיל דריקען מיר אויס דעם חשובן ה' אפיעקון פון די פאווזשעכנע שול Nr. 149, אלעקסאנדראָווסקאַ 25 און 45 ה' מ. קאללער, צוליב'ן פריהצייטיגען טויט פון זיין אונפערגעסליכער פרוי

## חנה נ"ע

זייט געטרייסט!

Kierownik Szkoły Powszechnej Nr. 149

**Kazimierz Hołuszewski**

די אפיעקונעס: לייזער בוכמאן, יעקב וויינטרויב, יצחק לענטשיצקי, שעי' טאנדאוסקי, יונה גאלד-שלעגער, שאשניאק, יוסף אבראמאוויטש, חנה קאלב, חנה קאלמאנאוויטש, טויבע קויאווסקא, סימע שלעזינגער, יוסף פינקעלשטיין און איטשע מאיר לעווקאוויטש.

1617

## G. SZCZYBUK

**ul. Piotrkowska 61, tel. 24-000**

**SKŁAD KOMISOWY**

WYROBÓW FIRMY PRZEMYSŁ WEŁNIANY

# S. Barciński i Ska

Spółka Akcyjna w Łodzi

1039

## א זעלטענע געלעגנהייט

אנ'פערשקלאסיגע וואוינונג

## 3 צימער און קיך

מיט אלע בעקוועהמליכקייטען אין צענטער שטאָט, פראנט, באלקאן, טעלעפאן, פריש רעמאנטירט, צוזאמען מיט א פולשטענדיג הערליכע כמעט נייע מעבעל-איינריכטונג פון זאפארט אפצוגעבען. צוגענגליכער פרייז.

גענויערעס צו דערוויסען זיך אין דער אדמ. פון „נייעם פאלקסבלאט".

1329

## ג' ה' מיטגלידער און סימפאטיקער!

דערמיט האבען מיר דעם כבוד אייך איינצולאדען אויף דער

# פייערליכער ערעפנונג

## פון אמבולאטאריום

וועלכע קומט פאר זונטאג, ד. 13 מערץ (פ' ויקרא ה' אדר ב') 5 אז. אווענד אין לאקאל פון אונזער פעראיין קילינסקי 120.

די פערוואלטונג

1653

פון יוד. קראנקען הילפס-פעראיין „מחזיקי חולים",

לאדז, קילינסקיעגאָ 120, טעל. 152-65

## פאר מאגענליידענדע

ראבארבער-ווין

פיפסין-ווין

אין פרימא קוואליטעט

צו בעקומען אין דער ווינהאנדלונג פון

# E. SZYKIER

**Północna 1, tel. 107-84**

## Dr. med. H. KRAUSKOPF

אקושעריע און פרויען- קראנקהייטען

זגערזשער 15, טעל. 113-47

נעמט אן פון 4 ביז 7 אווענד 1117

## יוד. דעמ. פאלקס-פארטיי, לאדז, זשעלאנא 10 א

מארגען, שבת, דעם 12-טען, 9 אווענד קומט פאר אין לאקאל פון דער לאדזער ארג. פון דער יודישער פאלקס-פארטיי זשעלאנא 10 א

1018

# א פארלעזונג

פון ה' ראטמאן אדוו. יוסף ווייצמאן

א. ד. ט.

## „דער לאדזער שטאט-ראט און די יודישע פראגע"

נאכ'ן פארטראג דיסקוסיעס.

איינגאנג פריי. איינגאנג פריי.

די פערוואלטונגען פון די פעראיינען פון

## „תומכי עניים" און זעלבסטהילף פערזיכערונג פאר חתנים און כלות,

1682

טיילט די מיטגלידער מיט, אז די פעראיינען געפינען זיך יעצט אויף דער זשעראמסקיעגא (פאנסקא) 31, פראנט פארטער. די מיטגלידער ווערען אויפגעפאדערט איינצוצאהלען זייערע בייטרעגע דעם אינקאסענט, אדער אין לאקאל פון פעראיין. גלייכצייטיג ווערט מיטגעטיילט, אז אונזער מיטגליד № 110 האט חתונה, און די אקטען זענען שוין געמאכט געווארען דורך דעם פעראיין אומזיסט און די פערזיכערונג ווערט אויסגעצאהלט לויט דער פרעמיע.

די קאנצעלאריע פון פעראיין איז אפען יעדען טאג פון 7—9 אין אווענד.

פערוואלטונגען פון: „תומכי עניים" און זעלבסטהילף-פערזיכערונג פאר חתנים און כלות פאנסקא 31.

## יין כשר!!!

מיר מאכען בעקאנט אונזער ג' קונדשאפט, אז דער איינצעל-פערקויף פון דער ווין-און מעהד-פאבריק פירמע

# „פראגרעס"

אלטער מארק 2, וואס עקזיסטירט מיט דעם גרעסטען ערפאלג איז איבערגעטראגען געווארען

## איז פראנט-געוועלב, אלטער מארק 1.

צוליב רעקלאמע פון ניי-ערעפענטען געוועלב, פערקויפען מיר א פלאש פון 1/4 ליטער גוטען ראזינען-וויין נומ' 6 נור 75 גר. און 1/4 ליטער דעם בעוואוסטן ראזינען-וויין נומ' 7 נור 85 גר.

איבערצייגט אייך מיט אייער פאמיליע, אז הנאה האבען פון גוטען ווין, וואס קאסט נישט טייער איז נאר ביי דער פירמע „פראגרעס".

מיט אכטונג ווין- און מעהד-פאבריק

פירמע „פראגרעס"

אלטער מארק 2, טעל. 184-82

פאר לערע פירטעל-ליטערדיגע פלעשער פון פירמע „פראגרעס" צאהלען מיר 5 גר. פאר באטשינקע און קווארט-פלעשער—10 גר.

# יודיש טעאטער אין „פילהארמאניע”

דירעקציע ד. צעלמייסטער און א. בעזמאן.

**זונטאג** ד. 13 מערץ 9 איז אווענד



● זונטאג ●

דעם 13-טען מערץ ד. י.

פונקט 9 א זייגער אין אווענד

## זעלטענער טעאטער-אווענד

# דזשעק רעכטצייט'ס

## גרויסע אויפפיהרונגען

אזא טעאטער-פערוויילונגס-אווענד

**אין א זעלטענע געלעגענהייט**

וואס יעדער יודיש-טעאטער-ליבהאבער

**דארף אויסנוצען!!!**

לעזט וואס עס ווערט געשפילט!



I.

דער גרויסער שלאגער

## איציק'ל גנב

אין 3 אקטען פון י. פרידמאן.

II.

## יאנקעלע כוואט

1-טער אקט.

אין די הויפט-ראלען:

דזשעק רעכטצייט

III.

## לידער און טאנץ-קאנצערט

דזשעק רעכטצייט

וועט זינגען און טאנצען:

א) „כ'האב שוין אזא מזל”,

ב) „מיאסטעטשקא לארינא”,

ג) „צירעלע”.

---

**יוכבד זילבערג**

וועט זינגען און טאנצען:

א) „פארוואס”? א טאנגא געשריבען ספעציעל פאר איהר פון דזשעק רעכטצייט,

ב) „לאך פאיאץ”,

ג) „דאס יודישע ליד”.

---

לאלא יאקובאוויטש און ה. באלבירסקי

אין זייער לידער-רעפערטואר.

מיט'ן אנטייל פון דער בעליבטער ארטיסטין-זינגערין

## יוכבד זילבערג



צום ערשטען מאל אין לאדז

**מ. ווינדער**





עס נעהמט אנטייל דער גאנצער אנסאמבל פון יודישען טעאטער.

**פערגרעסערטער ארקעסטער**

דיריגענט: ל. זעלמאן.



בילעטען צו געווענליכע פרייזען צו בעקומען אין דער קאסע פון פילהארמאניע.

— קיין שום פרייקארטען — נישט גילטיג. —

**געדענקט! זונטאג, דעם 13 מערץ טרעפען זיך אלע אין „פילהארמאניע”!**

## פראפעסאר כהנא
(אין דער קאריקאטור)



צו זיין אויסשטעלונג פון מעטאלא-פלאסטיק אין לאקאל פון בני ברית לאזשע

# דער „קונדס“ און די נייע שול־רעפארם

## א פראיעקט ווי אזוי צו פערקירצען די לערן-שעה!

אין צוזאמענהאנג מיט דער נייער שול־רעפארם און מיט דעם פערקירצען דעם שול־פראגראם אין די מיטעל־שולען, געבען מיר דער סיים־קאמיסיע א פראיעקט, וואס וועט פיל פערלייכטערען די אר בייט בײם רעדוציר׳ען די לערן־שעה׳ן, און ווי אזוי ס׳זאלען אויסזעהען די לעקציעס:

זאאלאגיע. איינער פון איהרע הויפט־פאר־שטעה׳ר, איז דאס פערד, וועלכער אין די גרויסע שטעט, הייבט ער אן צו פערשווינדען, און זיין ארט פערנעמט דער אויטא. דערביי וועט מען די שילער ווייזען א טאקסובקע, און די לעקציע איז געענדיגט.

מאטעמאטיק, אנ׳איבעריגע זאך ביי די היינטיגע צייטען איז גענוג צו ציילען פון 1 ביז 100 — דער גרעסטער געבער געהט היינט נישט ווייטער. — געענדיגט מאטעמאטיק.

ליטעראטור. די בעסטע ליטעראַרישע ווערק זעהט מען היינט אויפ׳ן פילם — לייענען איז אן איבעריגע זאך.

שפראכען. די שפראך פון הארץ. דארף געהען פאר אלע וועלט־שפראכען, דאס קען געמאכט ווער־רען זעהר לייכט: אין די פרויען־גימנאזיעס זאלען די לעהרער׳ס זיין מענער, און די מענער־גימנאזיעס — פרויען — געזיכערט ערפאלג.

מוזיק. איננאנצען איבעריג — צ ודעם איז דא ראדיא און גראמאפאן.

דעם דאזיגען פראיעקט שיקט דער „קונדס“ איבער דער סיים־קאמיסיע, וואס פערנעמט זיך מיט דער „נייער שול־רעפארם“.

# דער אייזעל האט דאס ווארט!

## א חיהשע דיסקוסיע וועגען מלחמות

אין דער חיות־וועלט איז אנגעגאנגען א דיס־קוסיע אויף דער טעמא: ווער פון די חיות האט גרעסערע פערדינסטען פאר די מענשען צו פיהרען מלחמות.

דער אדלער האט געזאגט: דער מענש האט זיך ביי מיר אויסגעלערנט פליהען. מיין כח און אויסדויער, נאך מעהר מיין דרייסטקייט, איז פאר זיי געווען דער בעסטער ביישפיל.

דאס ווארט האט גענומען הער קאלב: ווען איך שטעל נישט צו מיין פעל, לעדער אויף שוך און אויף קוילען־ביטלען, און מיין פלייש, מיט וואס מ׳קארמעט די זעלנער, דאס איז גארנישט?

רייסט זיך ארויס דער קרעט: פון אונז האבען זיי זיך אויסגעלערנט בעהאלטען אונטער דער ערד, אהן דעם, וואלטען זיי נישט געקענט פיהרען קיין מלחמות!

דערויף זאגט דער אייזעל: ווי און ווי מיינט איהר, אהן מיר, ווער וואלט אייגענטליך, אונטער־געשריבען קריגס־הלוואות?...

## ער געהט אויף ראטעס

צו א זייגער־מאכער קומט אריין א קליענט און בעקלאגט זיך: איך האב ביי אייך געקויפט א זייגער׳ל איז עס עפעס מאדנע: א שעה געהט ער און א שעה שטעהט ער.

— איהר האט פערגעסען — האט דער זייגער־מאכער געענטפערט, אז דעם זייגער האט איהר געקויפט אויף ראטעס!..

## וועגען ליטעראטור

לעהרער (א לעקציע אויף די אוונט קורסען): זאגט מיר, וואסער־קאפ, קענט איהר מענדעלע מוכר ספרים?

שילער: וואס בין איך אנ׳אינפארמאציע־ביורא איך זאל אלע קענען?

## ווען דער שעף איז צופרידען!

### אט אזא פנים האבען זיי

שעף (וואס איז געקומען מבקר חולה זיין זיין קראנקען אנגעשטעלטען): כ׳בין מיך מודה, אז איך האב אייך חושד געווען אין פוילענצעריי און וועלען זיך ארויסדרעהען פון דער ארבייט. איצט האב איך די געלעגענהייט מיט צופרידענהייט פעסטצושטעלען אז איהר זענט באמת געפעהרליך קראנק!

## „פליאטקעס“

### אונטערגעהערט ביי א „פול־משארני“

האסט געהערט. דאווידאוויטש האט זיין ווייב צו איהר געבורטס־טאג געקויפט א מתנה א קוכען־איינריכטונג פון אלימיניום.

— דאס איז א הצלחה פון א מענש: אז זי וועט איהם איצט ווארפען עפעס פון דער קוכען־איינריכטונג אין קאפ אריין, וועט ער עס אפילו נישט פיהלען...

## א מאן וואס „נעמט“

### צווישען יונגע ווייבלעך

זי ווייסען, פרוי בעלא, איך האב געכטען צום ערשטען מאל בעקענט א מאן וואס נעמט מיט׳ן ערשטען קוק.

— אוודאי, דזשעק רעכטצייט.

— ניין א סעקוועסטראטאר.

## א געטריי׳ער איידעם

וואס מאכט אייער שוויגער?

געלויבט דער אייבערשטער: זי האט א גריפע מיט קאמפליקאציעס.

## די רעגירונג דעמאראליזירט אונז

### אזוי זאגט יונה ווילקער צו בערל נאוואמיעסקער

דו ווייסט, אונזער רעגירונג דעמאראליזירט די בירגער.

דהיינו?

א דאנק דער רעגירונג איז נישטא קיין איין אונשולדיגער.

ווי אזוי?

אלע זענען דער רעגירונג שולדיג פאר פאר דאטקעס.

## דער קאמארניק און דער קאנדעלצוקער

אויף נאוואמיעסקא גאס איז לעצטענס דער קאמארניק אנ׳אפטער גאסט, געהט ער פון איין געוועלב צום צווייטען, נאר קאנדעלצוקער׳ס געוועלב לאזט ער אדורך.

פרעגט איהם קאנדעלצוקער: פאניע קאמיסאר־זשו, ביי מיר היינט גארנישט?

## בוך און קריזיס

נישט קוקענדיג אויפ׳ן קריזיס, איז אין לאדז נאך קיינמאל אזוי נישט געווען פאפולער דאס בוך ווי איצט — אלע נעמען היינט (אין געוועלב) אויף׳ן בוך.

## אולאני, אולאני!

### ווער וועט בעקומען די ליטעראַרישע פרעמיע

ווי דער „קונדס“ דערוואוסט זיך, האט די גרעסטע שאנסען צו בעקומען די מלוכה׳שע ליטער. פרעמיע גענעראל וויעניאווא — דלוגאשעווסקי, דער אויטאר פון דעם „ווערק“ — „אולאני, אולאני“...

## פארוואס ביי פאעטען!

### פערענטפערט א קשיא

זאג מיר מאטעלע, פארוואס טראגען נישט די מאדערנע פאעטען ווי אמאל, לאנגע האהר, מ׳זאל זיי קענען אונטערשיידען פון מענשען?

ט׳איז דערפאר, ווייל זיי האבען מורא, אז די לעזער זאלען זיי נישט לינטשען.

## א לאדזער וועטעראן!

זעהסט דעם ייד, ער איז א וועטעראן פון 1850. „פראטעסטירטע וועקסלען.

## א קלוגער תירוץ

פאטער: זאג מיר, משה׳לע, פארוואס קענען פיש נישט רעדען?

משה׳לע: און דער טאטעשי וואלט געקאנט רעדען, ווען ער וואלט געהאט א פול מויל מיט וואסער?

# דער קונדס

הומאר • סאטירע •

צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק •

ביילאגע צום נייעם פאלקסבלאט נומער 43 — פרייטאג דעם 11 מערץ 1932

# הונט איז דער בודע!




היטלער: איצט איז נישט קיין זמן פון בילען... (איבער דער צייט פון די וואהלען אין דייטשלאנד, האט היטלער אפגעשטעלט די יודען־העצע אין דייטשלאנד (פון דער פרעסע)



אויבען רעכטס: די פּרעמירטע פּראָיעקטען פון „פּאַלאַץ פון די סאָוויעטען" וועלכער וועט געבויט אויפ'ן אָרט פון צושטערטען טעמפּעל פון ערלעזער אין מאָסקווע. אויבען: פּראָיעקט פון רוסישען אַרכיטעקטאָר יאַפאַן, אונטען — פּראָיעקט פון אַמעריקאַנער אַרכיטעקטאָר האַמילטאָן.



אינדערזייט רעכטס: דער בעקאַנטער אַמעריקאַנער מוזיקער דזשאָן סוזאַ איז געשטאָרבען אין עלטער פון 77 יאָהר.



אינדערמיט: אין די פאַבריקען פון יונקערס'ן ווערט פערענדיגט דער בוי פון אַ ריזען־אַעראָפּלאַן פאַר דרייסיג פּאַסאַזשירען.



אונטען רעכטס: צו די שלאַכטען ביי שאַנכאַי. אַט אַזוי זעהט אויס די פאָרשטאָט פון שאַנכאַי טשאַ־פּעי.



אין דער שטאָט סטרעטפאָרד (אין ענגלאַנד) וואו שעקספּיר איז געבוירען געוואָרען איז אויסגעשטעלט געוואָרען אַ טעאַטער אויף זיין נאָמען. דאָס טעאַטער וועט געעפענט ווערען דעם 23־טען אַפּריל אין טאָג פון שעקספּירס געבורט.







אויבען לינקס: אַקאַדעמיע לכבוד דעם ענטדעקער פון שווינדזוכט־באַציל ראָבערט קאָך. (די ענטדעקונג איז געמאַכט געוואָרען מיט פופציג יאָהר צוריק). אויבען אינמיטען: די אַלמנה פון פּראָפעסאָר קאָך.



אינדערזייט לינקס: דער בעריהמטער פיזיקער פּראָפּ. עמדען, איז אַלט געוואָרען 70 יאָהר.

אינדערמיט אונטען: ים־פאָהרער קענען שוין אָפּגעבען זייערע שטימען צו די פּרעזידענטען־וואַהלען אין דייטשלאַנד.



אונטען לינקס: גרויסע וואַהל־דעמאָנסטראַציע אין בערלין לכבוד פּרעזידענט הינדענבורג. אין ווינקעל: דער לידער פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטען וועלס האַלט אַ רעדע פאַר הינדענבורג'ן.



אויבען רעכטס: מיליטערישע איבונגען פון די שילער פון דער בעריהמטער אַריסטאָקראַטישער עטאָן־שול אין ענגלאַנד.



אינדערזייט רעכטס: דער דייטשער דיכטער ריכאַרד סקאָוראָנעק איז אַלט געוואָרען זיבעציג יאָהר.



אינדערמיט לינקס: עסטרייכישער קריגס־מיניסטער באָגוין גיט זיך אָן אין דימיסיע.

אונטען רעכטס: דאָס הויז אויף אַוועני קלעבער אין פּאַריז, וואו בריאַן איז געשטאָרבען ( ) דאָס פענסטער פון צימער, וואו בריאַן איז געשטאָרבען.





די וואַשינגטאָן — פייערונג אין וואַשינגטאָן.



18־יעהריגער אַדאָלף קאָרנאַי האָט געשלאָגען דעם וועלט־רעקאָרד אין סטענאָגראַפיע.



אויבען לינקס: גערהאַרדט הויפּטמאַן אין אַמעריקע. ערשטע רייה פון לינקס: פּראָפ. באַטלער, פרוי הויפּטמאַן, גערהאַרדט הויפּטמאַן, אָבער־בירגערמייסטער פון ניו־יאָרק דזשימי וואָקער.



אינדערזייט לינקס: דער בעריהמטער וויענער פּסיכיאַטאָר פּראָפ. וואַגנער יאַורעג, איז אַלט געוואָרען 75 יאָהר.



אינדערמיט רעכטס: דער בעריהמטער קאָמפּאָזיטאָר אויגען ד'אַלבער איז געשטאָרבען אין עלטער פון 68 יאָהר.

אונטען לינקס: דער 93־יעהריגער מיליאַרדער ראָקפעלער בעגריסט דעם רעקאָרד־ אויטאָמאָביליסט קעמפּבעל.

## בילדער פון ארץ־ישראל



אַן ארץ ישראל פּייזאַזש.





אַ בליק אויף ירושלים.



